SAMPLE

SEFER SHMOS NOW IN STORES!

מאוצרות

# לקוטי שיחות

ויקרא (חלק יז, שיחה א)

VAYIKRA (VOL. 17, SICHAH 1)

SELECTIONS FROM

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

ב"ה

*Take your learning*

# FROM STRENGTH TO STRENGTH

The Rebbe's Likkutei Sichos transforms Torah study, Jewish life, and daily routine.

The bestselling Selections from Likkutei Sichos series is proud to debut its newest volume, **SEFER SHMOS**.

With enhanced features and infinite depth, Sefer Shmos is guaranteed to boost your learning from strength to strength.







sie

SIE.ORG/SHMOS

Dear Friend,

We are delighted to share with you this *sichah* on Parshas Vayikra from Likkutei Sichos Vol. 17, as it is being learned now by thousands across the globe as part of “Project Likkutei Sichos.”

This *sichah* is a sample from our widely acclaimed series “Selections from Likkutei Sichos,” that can be purchased in Judaica stores or on our website SIE.org.

Currently there are two volumes available for purchase — *Bereishis* and *Shmos*, with *Vayikra* in the works.

Moshiach now!

**Sichos In English**

# VAYIKRA I | ויקרא א

*LIKKUTEI SICHOS, VOLUME 17, P. 1FF.*

Adapted from a *sichah* delivered on Nissan 13, 5726 [1966]

## Introduction

When trying to develop a child's awareness of self, parents and educators face a dilemma. Obviously, they do not want children to grow up self-centered, with inflated egos, thinking the world revolves around them. However, they also do not want them to grow up timid, overwhelmed by the people and situations around them. They try to cultivate a healthy self-esteem that gives children the inner strength to act creatively and spontaneously, while continually being guided by a moral compass that trains them to be sensitive to the feelings and needs of other people.

But setting such goals and achieving them are often two different things. One of the ways the Torah has taught us to take the theoretical principles mentioned above and make them real values in our children's education is to look at exemplars from our Jewish heritage and model our conduct according to theirs.

In the *sichah* that follows, the Rebbe focuses on an incident in which the Alter Rebbe guided the education of his grandson, the *Tzemach Tzedek*. Recalling the conduct of Moshe our teacher and Adam first man, the Alter Rebbe taught his grandson a critical lesson, one that endowed him with a genuine awareness of his inner potential, while teaching him to temper his self-esteem with modesty.

This story and its message speak to each one of us, enabling us to appreciate the unique gifts that G-d has granted each of us and, simultaneously, the responsibility to be vigilant lest we become carried away with pride in our abilities. Recognizing our potentials and humbly appreciating that they been granted by G-d empower us to take advantage of all the possibilities for growth that we are granted.

# Discovering Who We Really Are

## A Lesson the Alter Rebbe Taught the *Tzemach Tzedek*

**1.** (At a Pesach *farbrengen,*[1]) the Rebbe Rayatz **related the manner in which the Alter Rebbe brought his grandson, the *Tzemach Tzedek*, to *cheder* for the first time. Among the points the Rebbe** Rayatz **mentioned is that the Alter Rebbe instructed the teacher to study the first passage of *Parshas Vayikra* with the child.**[2] **After the teacher had studied the passage with the child, the child asked the Alter Rebbe, "Why is the *alef* in the word *vayikra* small?"**[3]

**The Alter Rebbe entered a state of *dveikus* for quite some time. Afterwards, he replied:**

> **Adam, the first man, was G–d's handiwork**[4] **and G–d testified that his wisdom surpassed that of the ministering angels.**[5] However, **Adam knew his own greatness and consequently became over-impressed** as a result of this awareness Therefore, **he lapsed** and committed **the Sin of the Tree of Knowledge.**[6]

א. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט (אִין אַ פֶּסַח'דִיקְן פַאַרְבְּרֶענְגֶען[א]) דֶעם סֵדֶר ווִי דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט אַרַייְנְגֶעפִירְט זַיְין אֵיינִיקְל, כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר הַצֶּמַח־צֶדֶק, אִין חֵדֶר. צְווִישְׁן דִי זַאכְן וואָס דֶער רֶבִּי הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט אִיז, אַז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם מְלַמֵּד עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיטְן קִינְד דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה פוּן וַיִּקְרָא[ב]. נָאךְ דֶעם ווִי דֶער מְלַמֵּד הָאט אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי פַּרְשָׁה מִיטְן קִינְד, הָאט דָאס קִינְד גֶעפְרֶעגְט בַּא דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ן: פַאַרְוואָס אִיז דֶער וואָרְט וַיִּקְרָא מִיט אַן אַלֶף זְעֵירָא?

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פַאַר'דְבֵק'ט אַ הִיפְּשֶׁע צַיְיט, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט:

אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעווֶען יְצִיר כַּפָּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא[ג], אוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיז מֵעִיד עָלָיו אַז חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מֵחָכְמַת מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת[ד]. עֶר - אָדָם הָרִאשׁוֹן - הָאט גֶעווּאוּסְט מַעֲלַת עַצְמוֹ אוּן הָאט זִיךְ מִיט דֶעם בַּא זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין חֵטְא עֵץ הַדַּעַת[ה].

---

**1.** *Sichos Yom Shivi'i Shel Pesach,* **5700 (*Sefer HaSichos 5700,* p. 68;** p. 123 in English**).**

**2.** The source for this custom is found **in *Midrash Tanchuma, Parshas Tzav,* sec. 14; *Vayikra Rabbah* 7:3. See** also **the commentary of *Kli Yakar* at the beginning of this Torah reading; *Sefer Chassidim,* sec. 1140; *Kolbo,* sec. 74, quoted by *Sifsei Kohen* in his gloss to *Yoreh Deah* 245:8.**

**3.** Throughout the *Tanach,* each of the letters of the alphabet appears at least once in an oversized form and at least once in miniature. In the word *vayikra* at the beginning of this Torah reading, the *alef* appears in miniature and in the name *Adam* at the beginning of *Divrei HaYomim,* it appears oversized.

**4.** **See *Bereishis Rabbah* 24:5; *Koheles Rabbah* 3:11 (2)** which refer to Adam as G-d's **handiwork; *Avos D'Rabbi Nasson,* the conclusion of ch. 1 (citing *Tehillim* 139:5).**

**5.** ***Bereishis Rabbah* 17:4, and the sources cited there.**

**6.** **See *Torah Or,* the conclusion of *Parshas Mishpatim:* "The fundamental point of the *kelipah* of haughtiness became** integrated within **the nature of man through the Sin of the Tree of Knowledge....** causing one **not to see himself** as he is and feel self-concern, **realizing his own lacks and appreciating what is to his own benefit." As is well known (see the *maamer* entitled *Lehavin Inyan Cheit Adam HaRishon* in *Sefer HaMaamarim V'Eshaleich, Liozna;* the *maamer* entitled *Padeh BiSholom,* 5677, *et al*), the Sin of the Tree of Knowledge** resulted from **Adam's desire for sensitivity to feelings of satisfaction.**

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ . . הָאט אוֹיךְ גֶעווּאוּסְט מַעֲלַת עַצְמוֹ, אִיז נִיט נָאר וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ נִיט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען בַּא זִיךְ אַלֵיין מִיט דֶעם, אַדְּרַבָּה, דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שָׁפָל[ה]* בְּעֵינֵי עַצְמוֹ, טְרַאכְטְנְדִיק, אַז אַן אַנְדֶער אִיד, נִיט עַמְרָם׳ס אַ זוּן אוּן נִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס אַ דוֹר שְׁבִיעִי, וָואלְט גֶעהַאט אַזַא הוֹיךְ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה אוּן אַזֶעלְכֶע זְכוּת אָבוֹת וִוי עֶר הָאט, וָואלְט יֶענֶער זִיכֶער גֶעוֶוען בֶּעסֶער וִוי עֶר אִיז[ו].

אוּן דָאס אִיז וָואס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זָאגְט אִין תּוֹרָה[ז] וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה. פוּן יֶעדְן אָדָם וָואס אִיז גֶעוֶוען, וִוי קְלֵיין אוּן פָּשׁוּט אִין דַעַת עֶר אִיז נִיט גֶעוֶוען, הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אִים פַּארְמָאסְטְן, אַז יֶענֶער וָואלְט גֶעהַאט זַיְינֶע גֶעשֶׁענְקְטֶע - נִיט פַארְדִינְטֶע בִּיגִיעַת עַצְמוֹ - מַעֲלוֹת הַנְּשָׁמָה וּזְכוּת אָבוֹת, וָואלְט יֶענֶער זִיכֶער זַיְין בֶּעסֶער פַאר אִים[ח].

אִין דִי תְּמוּנוֹת הָאוֹתִיּוֹת וָואס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט גֶעגֶעבְּן בְּסִינַי, אִיז פַאראַן דְרַיְיעֶרְלַיי אוֹתִיּוֹת, אַתְוָן רַבְרְבִין אַתְוָן בֵּינוֹנִין אוּן אַתְוָן זְעִירִין. דִי תּוֹרָה אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַתְוָן בֵּינוֹנִים. דִי כַּוָּונָה אִיז אַז דֶער אָדָם בַּאדַארְף זַיְין אַ בֵּינוֹנִי[ט] אוּן דוּרְךְ תּוֹרָה קוּמְט מֶען צוּ מַדְרֵיגַת בֵּינוֹנִי. אָדָם הָרִאשׁוֹן, וָואס דוּרְךְ הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ אִיז

**Moshe our teacher... also knew his own greatness.** However, **not only did Moshe not become over-impressed as a result of this** awareness, **it caused him to have a broken and contrite heart,** making him appear **very lowly in his own eyes.**[7] **He thought: Were another person, who was not Amram's son, nor the seventh generation in descent from Avraham, and who had not been granted such a great, lofty soul and such ancestral merit, that person would have certainly been better than he.**[8]

**The Holy One, blessed be He, states in the Torah,**[9] **"The man, Moshe, was exceedingly humble, more than any person on the face of the earth." No matter how low** a person's stature **and how simple he was, Moshe would measure himself against him,** thinking **that if that person had possessed the positive** spiritual **qualities with which he, Moshe, had been endowed** – i.e., qualities that he **had not earned through his own work – as well as** his **ancestral merit, that person would certainly have been better than he.**[10]

**There are three types of forms for the letters which the Holy One, blessed be He, gave at Mount Sinai: oversized letters, average–sized letters, and miniature letters.** Generally, **the Torah is written in average–sized (*beinonim*) letters, for the intent is that a person should be a *beinoni* (an intermediate).**[11] **Through the Torah, one reaches the level of a *beinoni.*** With regard to **Adam, the first man, whose recognition of his own greatness caused him to lapse** and commit **the Sin of the Tree of Knowledge,**

7. **See *Likkutei Sichos,* Vol. 13, p. 33, footnote 28, and the marginal note there. Clarification is still required.**

8. **See the Alter Rebbe's *maamer* entitled *Veyasfu HaAnavim* (*Sefer HaMaamarim 5562,* p. 51). See also the sources mentioned in note 10.**

9. ***Bamidbar* 12:3.**

10. **Regarding Moshe's humility, see the extensive explanation in *Likkutei Sichos,* Vol. 13, p. 30ff., p. 37, the footnotes there, and the sources cited.**

11. **See *Rambam, Mishneh Torah, Hilchos Deos* 1:4; *Commentary to the Mishnah,* Introduction to *Avos* (*Shemoneh Perakim,* ch. 4).** In these sources, *Rambam* speaks about the advantage of following the "middle path" and having one's emotional characteristics evenly balanced. **See *Tanya,* ch. 1, 12ff *et al.,* which elaborates on the meaning of the term *beinoni,* "intermediate,"** offering a different interpretation than that of *Rambam.*

**an oversized *alef* is used.[12] With regard to Moshe, our teacher, whose Divine service of recognizing his own humble ness brought him to the highest level of humility, *vayikra* is written with a miniature *alef*.**

דוּרכְגֶעפַאלְן בְּחֵטְא עֵץ הַדַּעַת, שְׁטֵייט' אָדָם מִיט אַ אַלֶף רַבְּתִי; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווָאס דוּרְך דֶער עֲבוֹדָה פוּן הַכָּרַת שִׁפְלוּת עַצְמוֹ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער הֶעכְסְטֶער דַרְגָא פוּן עֲנָוָה, שְׁטֵייט וַיִּקְרָא מִיט אַן אַלֶף זְעֵירָא.

## Why mention Adam?

**2. On the surface,** there is a point **in this story** which **requires clarification: Why was it necessary for the Alter Rebbe to elaborate regarding** the description of **Adam, the first man, and** the reason **why an oversized *alef* is used in his name, and furthermore, to mention it** before answering the question regarding Moshe? **The use of an oversized *alef* with regard to Adam appears irrelevant to clarifying why a miniature *alef* is used in** the word ***vayikra***. Seemingly, **it is sufficient** to say **that the miniature *alef* in *vayikra* is an allusion to Moshe's great humility.**

ב. אִין דֶעם סִיפּוּר אִיז, לִכְאוֹרָה, צָרִיך בִּיאוּר:

פַארְווָאס הָאט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי גֶעדַארְפְט זָאגְן (אוּן דֶערְצוּ נָאך - מַקְדִּים זַיְין) דִי גַאנְצֶע אֲרִיכוּת וֶועגְן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן פַארְווָאס עֶס שְׁטֵייט בַּא אִים אַן אַלֶף רַבְּתִי? צוּ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְווָאס דֶער אַלֶף פוּן וַיִּקְרָא אִיז אַן אַלֶף זְעֵירָא אִיז לִכְאוֹרָה נִיט נוֹגֵעַ דֶער עִנְיָן פוּן אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן; עֶס אִיז גֶענוּג דֶער בִּיאוּר אַז דֶער אַלֶף זְעִירָא פוּן וַיִּקְרָא אִיז אַ רֶמֶז אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עֲנָוָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

**Furthermore, the explanation that the miniature *alef* in *vayikra* alludes to Moshe's humility is stated in several of the commentaries[13] to the Torah,[14] which do not mention the oversized *alef* used with regard to Adam. How much more so** does its mention seem unnecessary in the instance at hand, as **the *Tzemach Tzedek* had not yet learned about the oversized *alef* used with regard to Adam. He was just beginning to study *Chumash*** (and the oversized *alef* **first appears in *Divrei Hayomim*). Thus, on the surface, it does not seem appropriate to mention — and at such great length — the** concept of the **oversized *alef* used with regard to Adam, the first man.**

נָאך מֶער: בִּיאוּר הַנַּ"ל אִין דֶעם אַלֶף זְעֵירָא פוּן וַיִּקְרָא - אַז דָאס אִיז אַ רֶמֶז אוֹיף דֶער עֲנָוָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - שְׁטֵייט אִין כַּמָּה מְפָרְשֵׁי הַתּוֹרָה[יא], אוּן זֵיי[יב] דֶערְמָאנֶען נִיט דֶערְבַּיי וֶועגְן דֶעם אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן; אִיז דָאך עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּנִדּוֹן דִּידַן - ווֶען דֶער צֶמַח־צֶדֶק הָאט נָאך נִיט גֶעלֶערְנְט וֶועגְן דֶעם אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן (ווָאס שְׁטֵייט עֶרְשְׁט אִין דִּבְרֵי הַיָּמִים'), עֶר הָאט עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען חוּמָּש - אַז עֶס הָאט לִכְאוֹרָה נִיט קֵיין אָרְט צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם עִנְיָן וּבִפְרַט בַּאֲרִיכוּת וֶועגְן דֶעם אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן.

**In particular, this is true because the explanation given by the Alter Rebbe concerning the**

[וּבִפְרַט אַז דֶער בִּיאוּר פוּן אַלְטְן רֶבִּי'ן[יג]

12. *I Divrei HaYomim* 1:1.

13. With the exception of *Panei'ach Raza* and *Toldos Yitzchak*. See also the next note.

14. The commentary of Rabbenu Asher to the Torah; *Panei'ach Razah; Moshav Zekenim; Toldos Yitzchak* (by Rav Yitzchak Caro); *Tzror HaMor; Kli Yakar;* the commentary of *Sifsei Kohen* to the Torah.

**oversized *alef* speaks unfavorably about Adam**[15] **and the Torah does not speak pejoratively** even **about a non-kosher animal.**[16] **Certainly,** it would not be appropriate to speak **about Adam – G-d's handiwork, as** the Alter Rebbe **describes him – in such a manner (unless there is a necessity to do so).**[17]

וועגן דעם אַלף רבתי דאָדם הראשון ברענגט אַרויס - היפך שבחו של אָדם הראשון. איז מה־דאָך אַז "בגנות בהמה טמאה לא דבר הכתוב"[יד], על אחת כמה וכמה בנוגע, ווי ער זאָגט דאָ גופא, יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, אָדם הראשון (סיידן ס'איז דאָ אַ הכרח אויף דעם[טו])].

## Moshe's Humility

**3. It is also necessary to understand the** Alter Rebbe's **lengthy** explanation **regarding the humility of Moshe. Seemingly, it would have been sufficient to state in brief (as do the other commentaries cited) that Moshe was exceedingly humble, as G-d testifies in the Torah.**[9] It is possible to say **that the Alter Rebbe wanted to clarify to the *Tzemach Tzedek* how Moshe could be "humble in his own eyes" despite his being aware of his own greatness,** (a greatness so extraordinary that **no one can compare himself to Moshe).**[18] **Indeed, Moshe thought that if another person had been granted the same** positive qualities **with which he, Moshe, had been endowed,** i.e., **his lofty soul and ancestral merit –** qualities that he **had not earned through his own efforts – that other person would have certainly been better than he.**

**Nevertheless,** there are points that **still require clarification:**

**a) This concept itself requires explanation: Why is it necessary to emphasize that Moshe also recognized his own greatness (thereby creating a need to explain that this** recognition **does not contradict his humility)?**

**b)** The Alter Rebbe's **explanation of why**

ג. אויך דאַרף מען פאַרשטיין די אריכות וועגן דער ענוה פון משה רבינו - דלכאורה וואָלט געווען גענוג צו זאָגן בקיצור (ווי די מפרשים הנ"ל), אַז משה רבינו איז געווען אַ גרויסער ענו, און ווי דער אויבערשטער איז מעיד אין תורה "והאיש משה ענו מאד גו'".

אפילו אויב מ'זאָל זאָגן, אַז דער אַלטער רבי האָט געוואָלט ערקלערן דעם צמח־צדק ווי עס איז מעגלעך אַז משה רבינו זאָל זיין אַ "שפל בעיני עצמו" בשעת ער "האָט אויך געוואוסט מעלת עצמו" (ביז אַז קיינער קען זיך ניט גלייכן צו משה'ן[טז]) - ווייל ער האָט געטראַכט אַז אויב אַ צווייטער "וואָלט געהאַט זיינע געשענקטע - ניט פאַרדינטע ביגיעת עצמו - מעלות הנשמה וזכות אָבות, וואָלט יענער זיכער זיין בעסער פאַר אים" -

איז אָבער נאָך אַלץ ניט מובן:

(א) הא גופא טעמא בעי - למאי נפקא מינה דאָ צו מדגיש זיין, אַז (אויך) משה האָט געוואוסט מעלת עצמו (ובמילא איז מוכרח צו מסביר זיין ווי דאָס איז ניט קיין סתירה צו זיין ענוה)?

(ב) אויף צו מסביר זיין פאַרוואָס משה

---

15. **In contrast to** the explanations of **the commentaries mentioned in the previous note which interpret the oversized *alef* as alluding to Adam's positive qualities, as explained in sec. 4.**

16. ***Bava Basra* 123a.**

17. **See *Likkutei Sichos,* Vol. 5, p. 281; Vol. 10, p. 26ff.**

18. **See *Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 242:36.**

**Moshe did not become over-impressed despite his awareness of his own greatness – in contrast to Adam who did –** appears superfluous. **It would have been sufficient to say that Moshe's** humility **resulted from him thinking that his greatness was not earned through his own labor, but rather was the result of the positive qualities he was granted from Above and his ancestral merit. Why did the Alter Rebbe also elaborate on Moshe's comparison of himself to every other person** and his supposition **that, if another person had** been endowed with **the qualities he** himself **had been granted, that person would have certainly been better than he?**

רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ נִיט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט מַעֲלַת עַצְמוֹ - נִיט ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן וואָס "הָאט גֶעוואוּסְט מַעֲלַת עַצְמוֹ אוּן הָאט זִיךְ מִיט דֶעם בַּא זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְגֶענוּמֶען" - וואָלְט גֶעוועֶן גֶענוּג צוּ זָאגְן, אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר ווַיְיל מֹשֶׁה הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זַיְינֶע מַעֲלוֹת זַיְינֶען נִיט "פַארְדִינְטֶע בִּיגִיעַת עַצְמוֹ", נָאר מִצַד זַיְינֶע גֶעשֶׁענְקְטֶע מַעֲלוֹת הַנְשָׁמָה וּזְכוּת אָבוֹת;

פַארְוואָס אִיז עֶר אוֹיךְ מַאֲרִיךְ ווִי מֹשֶׁה הָאט זִיךְ פַארְמָאסְטְן מִיט יֶעדְן אָדָם, אַז ווֶען יֶענֶער וואָלְט גֶעהַאט זַיְינֶע גֶעשֶׁענְקְטֶע מַעֲלוֹת וכו' וואָלְט עֶר זִיכֶער גֶעוועֶן בֶּעסֶער פַאר אִים?

## A Sign of Greatness

**4. Initially, when viewing the Alter Rebbe's explanation, it appears that the oversized *alef* used with regard to Adam is an allusion to an undesirable** quality: **the fact that he became over-impressed due to** the awareness of **his greatness (in contrast to the miniature *alef* in *vayikra* which alludes to the humility of Moshe).**

**In truth, this cannot be said, for there is a clear-cut principle that the oversized letters in the Torah are loftier than the average–sized letters and, certainly, the miniature letters.[19] Even a child** can **understand that the Torah uses an oversized letter to indicate** a degree of **greatness and importance as** judged by the scales of **the Torah of truth.**

**For this reason, commentaries[20] explain that the oversized *alef* used with regard to Adam**

ד. לֶערְנֶענְדִיק דֶעם בִּיאוּר פוּן אַלְטְן רֶבִּי'ן בְּהַשְׁקָפָה רִאשׁוֹנָה קוּמְט אוֹיס, אַז דֶער אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז אַ רֶמֶז אוֹיף הֵיפֶךְ הָרָצוּי, אוֹיף זַיְין אִיבֶּערְנֶעמֶען זִיךְ מִיט "מַעֲלַת עַצְמוֹ" (הֵיפֶךְ פוּן דֶעם אַלֶף זְעֵירָא פוּן וַיִּקְרָא, וואָס ווַייְזְט אוֹיף דֶער עֲנָוָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ).

אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן קֶען מֶען אַזוֹי נִיט זָאגְן. וואָרוּם עֶס אִיז אַ כְּלַל פָּשׁוּט, אַז דִי אוֹתִיּוֹת רַבְרְבִין וואָס שְׁטֵייעֶן אִין תּוֹרָה זַיְינֶען הֶעכֶער אֲפִילוּ פוּן אוֹתִיּוֹת בֵּינוֹנִין, אוּן מִכָּל־שֶׁכֵּן פוּן אוֹתִיּוֹת זְעִירִין[יז]. אוּן דָאס פַארְשְׁטֵייט אֲפִילוּ אַ קִינְד, אַז ווֶען תּוֹרָה נוּצְט אַ גְרֶעסֶערְן אוֹת, אִיז דָאס דֶערְפַאר וואָס עַל פִּי תּוֹרַת אֱמֶת אִיז אִין דֶעם פַאראַן אַ גְרוֹיסְקַייְט, אַ חֲשִׁיבוּת.

דֶערְפַאר זָאגְן טַאקֶע מְפָרְשִׁים[יח], אַז דֶער אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז אַ

19. This principle is also discussed in **the Kabbalah; see the statements of the *Zohar* and *Ramaz, et al.*, at the beginning of this Torah reading.** See also ***Or HaTorah, Vayikra,* Vol. 3, p. 724ff.; the *maamarim* entitled *Vayikra*** in *Sefer HaMaamarim* ***5678*, p. 234, and** in *Sefer HaMaamarim 5705* (ch. 3); and the second *maamar* entitled *Vayidaber Elokim*, 5699, *et al.*

**20. *Panei'ach Raza.* See also *Toldos Yitzchak, loc. cit.*; see *Zohar,* Vol. I, p. 239a; Vol. III, p. 300a.**

**alludes to the fact "that there was never a man as great as he… or to the profuse wisdom he possessed, to the extent that he was able to name** all the created beings."[21]

**Furthermore, in *Likkutei Torah,*[22] the Alter Rebbe himself discusses the difference between the miniature *alef* of *vayikra* and the oversized *alef* of Adam in *Divrei HaYamim* and explains how it indicates that Adam was even greater than Moshe.**

In that discourse, the Alter Rebbe explains that **the oversized *alef* refers to Adam as he existed "before the sin, when he was on a very lofty and exalted level."[23] (Accordingly, he was able to receive influence from the oversized *alef,* i.e., "the attribute of *Kesser*, as it is** subsumed in G-d's **very Essence.")[23] With regard to Moshe, by contrast, the Torah states,[24] "And Moshe could not enter** the Tent of the Meeting **because the cloud had rested upon it." The cloud reflects influence from "a very sublime and awesome level,"[25] (*Kesser*),** which Moshe could not access. **For this reason, with regard to Moshe, *vayikra* is written with a miniature *alef,* for calling** (i.e., drawing down **influence) to Moshe (from** the sublime level of **the cloud) was possible only through a *tzimtzum,*** a contraction alluded to by the miniature *alef.*[26]

**Thus, the Alter Rebbe's addition – the discussion of the oversized *alef* used with regard to Adam – seemingly defeats his purpose, as it** appears to **indicate that Adam was** on a **higher** level **than Moshe. Moreover, it alludes not to** Adam's **stumbling**

רֶמֶז שֶׁלֹּא הָיָה אָדָם גָּדוֹל כְּמוֹתוֹ . . אוֹ עַל רֹב חָכְמָה שֶׁהָיָה בּוֹ עַד שֶׁקָּרָא שֵׁמוֹת".

נָאכְמֶער: דֶער אַלְטֶער רֶבִּי אַלֵיין שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין לִקּוּטֵי תּוֹרָה[יט] אוֹיף דֶעם חִילּוּק צְווִישְׁן דֶעם "אָלֶף דְּוַיִּקְרָא זְעֵירָא" אוּן "בְּדִבְרֵי הַיָּמִים כְּתִיב אָדָם בְּאָלֶף רַבְּתִי", אוּן אִיז מְבַאֵר ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז הֶעכֶער פוּן מֹשֶׁה'ן:

דֶער אָלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז "בְּחִינַת אָדָם הָרִאשׁוֹן כְּמוֹ שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַחֵטְא שֶׁהָיָה בְּמַדְרֵגָה גְּבוֹהָ מְאֹד נַעֲלָה"[כ] (אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיְין פוּן אָלֶף רַבְּתִי, ווָאס אִיז "בְּחִינַת הַכֶּתֶר כְּמוֹ שֶׁהוּא בִּמַהוּתוֹ וְעַצְמוּתוֹ"); מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיף מֹשֶׁה'ן שְׁטֵייט[כא] "וְלֹא יָכֹל מֹשֶׁה לָבוֹא גוֹ' כִּי שָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן" - ווָאס דֶער עָנָן אִיז אַ הַמְשָׁכָה "מִמָּקוֹם עֶלְיוֹן וְנוֹרָא מְאֹד"[כב] (כֶּתֶר) - אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה'ן וַיִּקְרָא מִיט אַן אָלֶף זְעֵירָא, ווַיְיל דִּי קְרִיאָה (וְהַמְשָׁכָה) צוּ מֹשֶׁה'ן (פוּן דֶעם עָנָן) אִיז נָאר "עַל יְדֵי צִמְצוּם"[כג].

קוּמְט אוֹיס, אַז דִּי הוֹסָפָה אִין דֶעם אַלְטְן רֶבִּי'ס רֵייד אַז בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן שְׁטֵייט אַן אָלֶף רַבְּתִי, אִיז דָאס גָאר, בְּהַשְׁקָפָה רִאשׁוֹנָה, אַ מַעֲשֶׂה לִסְתּוֹר: פוּן דֶעם אִיז מוּכָח אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן נָאכְמֶער - דָאס אִיז אַ רֶמֶז (נִיט אוֹיף אַן עִנְיָן ווִי "דוּרְכְגֶעפַאלְן (בְּחֵטְא עֵץ

---

21. See *Likkutei Sichos,* Vol. 15, P. 13ff., translated in Vol. 1 of this series, p. 35ff.

22. **At the beginning of our Torah reading. See also the *maamarim* entitled *Vayikra* and *Vayidaber* cited** in footnote 19, **above.**

23. ***Likkutei Torah, Vayikra,* p. 1b. The *maamarim* entitled *Vayikra* and *Vayidaber* cited above explain that the oversized *alef* refers to the consummate perfection man will reach in the era of Redemption (which will surpass the level of Adam before the sin).**

24. ***Shmos* 40:35.**

25. ***Likkutei Torah, Vayikra,* p. 1a.**

26. **See also *Or HaTorah, Parshas Vayikra,* Vol. I, p. 119; *Zohar, loc. cit.,* quoted and explained in *Or HaTorah, Vayikra,* Vol. 3, *loc. cit.* and in the *maamarim* entitled *Vayikra* and *Vayidaber, loc. cit.;* the *Likkutei Torah* of the *Arizal,* the beginning of *Parshas Vayikra* quoted in *Or HaTorah,*** Vol. 3, **p. 726, and the end of the *maamar* entitled *Vayikra* cited above. Note also *Panei'ach Raza, loc. cit., et al.***

**through the Sin** of the Tree of Knowledge **but, on the contrary, to his** superior **level prior to the sin.**

הַדַּעַת)", נָאר פַּארְקֶערְט) אוֹיף "בְּחִינַת אָדָם הָרִאשׁוֹן כְּמוֹ שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַחֵטְא"?

## Living with an Inner Paradox

**5. It is possible to offer the following resolution: By presenting this explanation to the *Tzemach Tzedek,* the Alter Rebbe was not merely answering his question concerning the verse. Instead,** the Alter Rebbe **was** primarily concerned **with educating the *Tzemach Tzedek* and teaching him the lesson in Divine service that can be derived from the miniature *alef* in *vayikra.*[27]**

ה. נְקוּדַּת הַבִּיאוּר אִין דֶעם - יֵשׁ לוֹמַר בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר:

מִיטְן זָאגְן דֶעם צֶמַח־צֶדֶק דֶעם בִּיאוּר הַנַּ"ל אִיז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אוֹיסְן נִיט (נָאר) צוּ פַּארֶענְטְפֶערְן זַיְין שְׁאֵלָה אִין פָּסוּק, נָאר (בְּעִיקָר) - אַ לִימּוּד אוּן חִינּוּךְ פוּן צֶמַח־צֶדֶק, אִים מְבָאֵר זַיְין דִי הוֹרָאָה אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס מְ'דַארְף אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַלֶף זְעֵירָא פוּן וַיִּקְרָא[כד],

[**This** explains how this story **is connected to statements of the Rebbe** Rayatz **(at an earlier *farbrengen*),[28] that the Alter Rebbe personally devoted himself to the education and the training of the *Tzemach Tzedek.* That was the reason he personally took him to *cheder* for the first time,** as well as undertook other matters related to his education and training.]

[אוּן דָאס קוּמְט בְּהֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט (אִין אַ פְרִיעֶרְדִיקְן פַארְבְּרֶענְגֶען[כה]), אַז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דֶעם חִינּוּךְ וְהַדְרָכָה פוּן צֶמַח־צֶדֶק - דֶערְפַאר הָאט עֶר אִים אַלֵיין אַרַיְינְגֶעפִירְט אִין חֵדֶר וכו'].

**In order for the lesson from the miniature *alef* to be complete, it was necessary** for the Alter Rebbe **to introduce** his explanation **with** the critique of **Adam's** conduct.

אוּן כְּדֵי אַז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם אַלֶף זְעֵירָא זָאל זַיְין בִּשְׁלֵימוּת, מוּז מֶען הָאבְּן דִי גַאנְצֶע הַקְדָּמָה וֶועגְן אָדָם הָרִאשׁוֹן:

**By elaborating on Adam's qualities and the fact that he appreciated his own greatness, the Alter Rebbe's intent was not merely to negate** the undesirable aspects of **Adam's conduct. Quite the contrary, every Jew (– due to the spark of Adam he possesses, as will be explained in sec. 7 –) must** emulate the positive self-esteem Adam possessed. **To refer to the well–known adage,[29] "Just as** a person **must recognize his** own **shortcomings, so, too, must he recognize his own positive qualities."**

מִיט דֶער אֲרִיכוּת וֶועגְן דִי מַעֲלוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן וִוי בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען "הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ", אִיז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי נִיט גֶעוֶוען אוֹיסְן צוּ שׁוֹלֵל זַיְין דִי הַנְהָגָה פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, נָאר אַדְּרַבָּה - אַז, אַזוֹי דַארְף זַיְין בַּיי יֶעדְן אִידְן (מִצַּד דֶער נִיצוֹץ פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן שֶׁבּוֹ, כִּדְלְקַמָּן סְעִיף ז') - וּכְפִתְגָם הַיָּדוּעַ[כו]: "אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף וִויסְן דִי חֶסְרוֹנוֹת, אַזוֹי דַארְף מֶען וִויסְן דִי אֵייגֶענֶע מַעֲלוֹת".

---

27. **This also explains why** – before giving this answer – **the Alter Rebbe remained in a state of *dveikus* for an extended time, despite the fact that the fundamental focus of his reply is found in the Torah's commentaries.**

28. ***Shabbos Chol HaMoed Pesach* (*Sefer HaSichos 5700,* p. 40;** p. 83 in English).

29. ***Likkutei Dibburim,* Vol. 4, p. 581a** (in English translation, Vol. 4, p. 91)**; see *HaYom Yom,*** entry 26 Cheshvan, and *Sefer HaSichos 5687,* p. 114.

30. **See also *Ibid.,* Vol. 3, p. 430a.**

**This teaches us how we must approach "recognizing our own humbleness." That awareness should not negate the recognition of one's positive qualities.**[30] **Instead,** the two can coexist. **Though one is aware of his positive qualities, that recognition need not lead to haughtiness because he realizes** these potentials **were granted him** from Above. They **were not earned through his own efforts,** but instead **resulted from his inherent spiritual gifts and his ancestral merit.** The paradigm for this is **the humility of Moshe.**[31] Such humility can be achieved by every person, for **everyone possesses a spark from** the soul of **Moshe.**[32]

**Furthermore, when a person recognizes his positive qualities, it is necessary that he possess an extreme drive toward humility,** like Moshe, who was **"exceedingly humble, more than any person," as will be explained in sec. 9.**

**Therefore, there is no contradiction. The oversized *alef* used with regard to Adam alludes to the** genuinely **great powers he possessed, as explained above in sec. 4.** Simultaneously, **it alludes to the fact that he recognized his own superiority.** Although such awareness could lead to negative consequences, it is not necessarily a fault. On the contrary, **the recognition of one's own superior qualities is a path in Divine service mandated by the Torah. Indeed,** such awareness **is specifically associated with the Divine service of the righteous (*tzaddikim*), as will be explained in sec. 7.**

**With** his explanation, the Alter Rebbe **underscored the extent to which a person must be careful re-**

אוּן דֶערְפוּן גוּפָא קוּמְט אַרוֹיס דִי נַפְקָא מִינָה בַּנוֹגֵעַ דֶעם אוֹפֶן פוּן "הַכָּרַת שִׁפְלוּת עַצְמוֹ", אַז דָאס אִיז אִין אַן אוֹפֶן (וָואס אִיז נִיט שׁוֹלֵל "הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ"כז, נָאר) אַז כָאטשׁ עֶר וֵוייס מַעֲלַת עַצְמוֹ, נֶעמְט עֶר זִיךְ דֶערְמִיט נִיט אִיבֶּער, וִוִיסְנְדִיק אַז דָאס קוּמְט פוּן "גֶעשֶׁענְקְטֶע - נִיט פַּארְדִינְטֶע בִּיגִיעַת עַצְמוֹ - מַעֲלוֹת הַנְּשָׁמָה וּזְכוּת אָבוֹת" (וְוִי דִי עֲנָוָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּכח - וָואס יֶעדֶערֶער הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁהכט).

[אוּן נָאכְמֶער: וִוִיבַּאלְד אַז בַּיי אִים אִיז דָא "הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ", פָּאדֶערְט זִיךְ אַ תְּנוּעָה פוּן שִׁפְלוּת בִּיז אִין דֶעם קָצֶה הַהֶפְכִּי, "עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם גו'", כִּדִלְקַמָּן סְעִיף ט].

אוּן דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין סְתִירָה, אַז דֶער אַלֶף רַבְּתִי פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז מְרַמֵּז אוֹיךְ דֶעם אַז בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען "הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ", אוּן צוּזַאמֶען דֶערְמִיט וַוייְזְט עֶס אוֹיף זַיין גּוֹדֶל הַמַּעֲלָה (כַּנַּ"ל סְעִיף ד) - וַוייל דֶער עִנְיָן פוּן "הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ" אִיז אַ סֵדֶר עֲבוֹדָה עַל פִּי תּוֹרָה, וְאַדְּרַבָּה - דָאס אִיז פַּארְבּוּנְדְן מִיט עֲבוֹדַת הַצַּדִּיקִים דַּוְקָא (כִּדִלְקַמָּן סְעִיף ז);

אוּן דֶערְמִיט בְּרֶענְגְט עֶר אַרוֹיס וְוִי שְׁטַארְק מְ'דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיט אִין

---

31. **The above can be connected with the fact that Moshe was "truly the embodiment of *chochmah* of *Atzilus*" (as related** by the Alter Rebbe **in the above narrative). *Chochmah*** also **has a *kli* (receptacle), but** – in contrast to the other *sefiros* whose *keilim* are characterized by *yeshus,* self-centered awareness of their own existence – **its *kli* is characterized by utter *bittul.*** Indeed, it **resembles the light and,** like the light, **can also be referred to as *chayoihi (Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 87d; *Or HaTorah, Shmos,* Vol. 1, p. 150, *et al.*).**

**For this reason,** *chochmah* **is alluded to by the letter *yud,* for the *yud* has the form of a letter; it is not** merely **a calligraphical embellishment — thus, indicating that it relates to the realm of existence. Nevertheless, it is the smallest letter, "no more than a point" (*Iggeres HaTeshuvah,* ch. 4; see the lengthy explanation in *Likkutei Sichos,* Vol. 19, p. 418ff.).**

32. ***Tanya,* the beginning of ch. 42.**

33. ***Torah Or,* p. 6a; see *Sefer HaArachim Chabad, erech Adam HaRishon* (pp. 168-169) and the sources mentioned there.**

**garding his recognition of his superior qualities. Even one who truly possesses very great virtues – to the extent that the Torah of truth refers to him with an oversized *alef* – must guard against the possibility that undesirable results may come from the recognition of his positive qualities. Indeed,** this caused **even Adam to lapse and commit the Sin of the Tree of Knowledge, the source for all sins.**

"הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ", אַז אֲפִילוּ אַזַא וָואס הָאט בֶּאֱמֶת גָאר גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת, בִּיז אַז תּוֹרַת אֱמֶת שְׁרַייבְּט אוֹיף אִים אַן אַלֶף רַבְּתִי, דַארְף עֶר זַיְין בַּאווָארְנְט פוּן מֶעגְלִיכֶע נִיט גֶעוואוּנְשֶׁענֶע תּוֹצָאוֹת פוּן הַכָּרַת מַעֲלַת עַצְמוֹ, ווַיְיל אֲפִילוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז דוּרְךְ דֶעם נִכְשָׁל גֶעווָארְן בְּחֵטְא עֵץ הַדַּעַת, מְקוֹר כָּל הַחֲטָאִים.

## A Never Ceasing Virtue

**6. Since Adam – even his body – was G–d's handiwork, it is self–evident that (as he was created), he had no connection to evil,**[33] for G–d is solely the source of goodness, as *Chassidus*[34] interprets the phrase,[35] **"From the mouth of the Sublime One, evil will not emerge." Similarly, with regard to his surrounding environment, as is well known,**[36] **there was no intermingling of good and evil before the Sin of the Tree of Knowledge. The *kelipos*** then **existed as a separate** realm, **lower than the world** at large.[37]

ו. ווִיבַּאלְד אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז (אוֹיךְ גוּפוֹ) גֶעווֶען "יְצִיר כַּפָּיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז עֶר (מִצַּד הַבְּרִיאָה) הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ עִנְיָנִים פוּן רַע[ל] (וְעַל דֶּרֶךְ ד"מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת"[לא]). אוֹיךְ מִצַּד דֶער ווֶעלְט אַרוּם – אִיז יָדוּעַ[לב], אַז קוֹדֶם הַחֵטְא אִיז נִיט גֶעווֶען קֵיין תַּעֲרוֹבֶת טוֹב וָרָע, ווַיְיל קְלִיפּוֹת זַיְינֶען גֶעווֶען בַּאזוּנְדֶער, לְמַטָּה מִן הָעוֹלָם.

**True, the Sin of the Tree of Knowledge brought about a descent for Adam (and the world at large). Nevertheless, since G–d's handiwork is eternal, it is evident that Adam's above–mentioned advantage is of eternal relevance and remains within his** nature **(at least in a hidden manner) even after the sin.**

